פרשת צו ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מז ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר ויקרא
ע"י אחד מבני החבורה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם

# בך בטחתי

## ודוממתי נפשי כגמול עלי אמו;
דער ריכטיגער שילוב צווישן 'תפלה' און 'בטחון'

שיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור כ"ד ח"ב, יום א' פרשת לך ה' מרחשוון שנת תש"פ

א

## ששים ושמחים לעשות רצון קונם; זיך מכניע זיין פאַר'ן רצון ה' איז די ערשטע שטאַפּל

### בײדע חלקים זענען וויכטיג; 'שתיקותא' און 'מבעי רחמי'

מיר האָבן אָנהויב פון דעם שיעור געלערנט דעם הייליגן יסוד פון דער **גמרא** אין **מסכת ברכות** (דף סב, א) וואָס שטעלט אונז אַראָפּ וויאַזוי אַ איד דאַרף צוגיין בשעת סיי וועלכע פּראָבלעם אָדער יסורים ל"ע, ווי די גמרא זאָגט: "**קבלה דיסורי -שתיקותא ומבעי רחמי**".

דאָס הייסט אַז מ'דאַרף האָבן בײדע זאַכן, צוערשט זאָל מען מקבל זיין די יסורים באהבה, '**שתיקותא**', און דערנאָך זאָל מען מתפּלל זיין אַז דער רבוש"ע זאל אַוועקנעמען די עגמת נפש, '**מבעי רחמי**'. ווייל בלויז נאָכ'ן חלק פון 'שתיקותא' קען מען דערנאָך ריכטיג מתפּלל זיין מיט אַן אמת'ע ביטול און הכנעה צום רבוש"ע.

### דער עיקר השקעה פון ערליכע אידן אויף דעם חלק פון 'שתיקותא'

אָט דעם מושג האָט מען אַזוי שטאַרק געזען ביי ערליכע אידן ווען זיי דורכגעגאַנגען שוועריגקייטן. זיי האָבן אַזויפיל געאַרבעט אויף זיך צו אָננעמען דעם מצב אַז ס'איז די בעסטע זאַך און ס'קען נישט זיין בעסער. אַזוי אַז בשעת ווען מ'זאָגט שפּעטער די תפלה פון 'הראינו ה' חסדיך', זאָגט מען דאָס מיט אַזאַ מין הכנעה!

אודאי דאַרף מען מתפּלל זיין! דער רבוש"ע וואַרט אויף די תפלות פון אידישע קינדער, **אָבער בעפאָר די תפלה דאַרף איך דאָך זיין אַ איד! איידער די תפלה דאַרף איך זיין אַ נכנע!** דערפאַר האָבן די ערליכע אידן געלייגט די עיקר השקעה ביי דעם חלק פון 'שתיקותא'.

### די מחשבות אויפ'ן וועג צו זיך געזעגענען פון די איינציגסטע טאָכטער

הרה"צ רבי **אלי' ראָטה** ז"ל פון ירושלים עיה"ק, איז געווען אַ געוואַלדיגער בעל יסורים. ער פלעגט אַסאַך מאָל איבערזאגן אַ מעשה וואָס איז געווען מיט הרה"צ רבי **נחום ליבערזאן** זצ"ל, וועמען מען האָט גערופן רבי נחום יאסער, וויבאַלד אינדערהיים איז ער געווען דער רב פון דער שטאָט יאַס. רבי נחום איז געווען אַ מורא'דיגער עובד ה', אַן עלטערער רוזינ'ער טשאָרטקאָווער חסיד. ר' אלי' ראָטה האָט געהערט די מעשה פון אים אַליין און ר' אלי' פלעגט דאָס שפּעטער אַסאַך חזר'ן. ס'האָט אים געגעבן אַסאַך חיזוק פאר זיין אייגענע מצב פון יסורים.

דער ר' נחום יאסער האָט געהאַט אַ בת יחידה, אַן איינציג קינד, וואָס איז אים געבוירן יאָרן נאָך דער חתונה. די טאָכטער איז אויפגעוואַקסן און ער האָט געהאַט פון איר אַסאַך נחת. ווען די טאכטער איז אָנגעקומען צו דעם יאָרגאַנג ווען מען האָט געדאַרפט טרעפן אַ שידוך, האָט זי באַקומען גאָר אַ שטאַרקע מחלה ל"ע, וואָס איז געוואָרן ערגער און ערגער פון טאָג צו טאָג. ביז ס'איז געקומען אַ פרייטאָג אינדערפרי וואָס די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז ס'איז געבליבן בלויז עטליכע שעה ה"י.

ר' נחום האָט דערציילט פאַר ר' אלי' אַז ווען ער האָט געהערט אַז דאָס איז דער מצב האָט ער זיך געמאַכט דעם חשבון אַז לכאורה וועט מען פרייטאָג נאָכמיטאָג זיין פאַרנומען מיט אַ לוי' און מ'וועט זיך נישט קענען גרייטן ריכטיג צום שבת... ער האָט געהאַט דעם 'מח שליט על הלב' און ער האָט מחליט געווען אַז ער וועט זיך צוגרייטן צום שבת איידער ער גייט אין שפּיטאָל. איז ער טאַקע געגאַנגען אין מקוה לכבוד שב"ק. ער האָט צוגעגרייט אין שטוב אַלץ לכבוד שבת.

אויפ'ן וועג גייענדיג אין שפּיטאָל האָט ער זיך דערמאַנט אַז ער האָט נישט מיטגענומען אַ מעסער צו רייסן קריעה. איז ער צוריקגעגאַנגען אין שטוב און צוגעגרייט אַ מעסער. אַזוי האָט ער ביי יעדע טריט געטראַכט מיט אַ ישוב הדעת: "וואָס וויל דער רבוש"ע יעצט פון מיר?" און גאָרנישט מהרהר געווען אחרי מדותיו יתברך.

במשך דעם גאַנצן וועג צום שפּיטאָל האָט ר' נחום זיך מתבונן געווען אין דעם פּסוק פון "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך". - בכל מדה ומדה שהוא מודד לך. ער האָט געטראַכט צו זיך: **וועלכע מחשבות וואָלט איך געהאַט ווען איך וואָלט יעצט געגאַנגען צו די חופּה פון מיין טאָכטער?!** ער האָט געאַרבעט און געהאָרעוועט ביז ער האָט געשפּירט ממש די מחשבה. ער איז געוואָרן אַזוי בשמחה אַז ער גייט יעצט טון דעם רצון הבורא! זיין טאָכטער קומט יעצט אָן צום שלימות!

אַזוי איז ר' נחום אַריין אין אַזעלכע מוחין דגדלות. **ער גייט דאָך מקריב זיין אַ קרבן אַזויווי ס'איז דער רצון הבורא.** ער איז דערפון ממש אַרויס פון די כלים מרוב שמחה.

אָבער ווען ער איז אָנגעקומען נאָענטער צום שפּיטאָל האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ אַז ער איז טאַקע אַזוי פרייליך און דערהויבן, אָבער ס'איז נישט ריכטיג כלפּי זיין פרוי. אויב זי וועט אים זען אויף דעם אופן קען זי דאך האָבן צער דערפון.

האָט ער צוליב דעם אָנגעשטעלט אַ פּנים פון אינדרויסן, כאילו ער איז אָנגעשטרענגט און בצער. כדי אַז ער זאָל זיין אויסגעהאַלטן אויך 'בין אדם

לחבירו' און ס'זאָל נישט פּוגע זיין אָדער חלילה מצער זיין אַנדערע.

למעשה, ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען צו די טאָכטער האָבן די דאָקטוירים געזאָגט אַז מ'דאַרף מאַכן נאָך אַ טעסט צו זען וואָס טוט זיך מיט די אינפּעקציע, און זיי זענען צוריקגעקומען זאָגן אַז ס'האָט זיך ב"ה אָפּגעשטעלט די אינפעקציע. דער גוף האָט באַקומען כוחות זיך צו קענען קריגן דערמיט. צוביסלעך איז די טאָכטער אַרויס פון דער סכנה. זי האָט ב"ה חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט אַ שיינע משפּחה אין ירושלים מיט קינדער און אייניקלעך.

## פאַרוואָס נישט קיין תפלה?!

די מעשה האָט אויך אַ המשך, וואָס ר' נחום האָט שפּעטער מסביר געווען, אַז טאַקע וויבאַלד ער האָט מקבל געווען דעם גזירת שמים באהבה האָט דאָס מהפך געווען אַלע דינים אויף רחמים.

אָבער לאָמיר בלייבן ביי דער נקודה פון דעם יעצטיגן שיעור: **פאַרוואָס איז ר' נחום נישט געווען פאַרנומען אַגאַנצן וועג צו אויסזאָגן תהלים און געבן צדקה פאַר 'קופּת העיר'?!** וואָלט נישט בעסער געווען ווען ער איז מרעיש עולמות מיט תפלה ווי מיר ווייסן דאָך דעם כלל פון "אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל יתאייש עצמו מן הרחמים"?! און פאַרוואָס האָט ר' אלי' ראָטה אַזויפיל געחזר'ט די מעשה?!

נאָכמער, פאַרוואָס האָט ר' נחום אַזוי שלום געמאַכט מיט'ן מצב?! בלויז ווייל די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז ס'איז נאָך דאָ אַפּאָר שעה דאַרף מען שוין נישט דאַווענען?! דאַרף מען שוין יעצט טראַכטן וועגן מקריב זיין אַ קרבן און וועגן מיטברענגען אַ מעסער פאַר קריעה רייסן?! וואו איז די אמונה אַנטלאָפן געוואָרן?!

## די ערשטע זאַך; קבלת יסורים באהבה

נאָר טאַקע דאָס איז דער לימוד! אַזוי האָבן זיך ערליכע אידן געפירט! די עבודה פון קבלת יסורים באהבה איז נישט געווען קיין שום סתירה מיט תפלה!

אודאי האָבן זיי אויך געדאַוונט אָבער זייער עיקר עבודה איז געווען אַז: איך ווייס דאָך נישט וואָס גייט דאָ זיין. קען זיין אַז דער רצון הבורא איז אַז ס'זאָל נישט ענדיגן וויאַזוי איך וויל, **און אויב די גמרא זאָגט אַז די ערשטע חלק איז 'שתיקותא' דעמאָלט דאַרף איך דאָך עוסק זיין יעצט אין אָט דער מורא'דיגער עבודה!**

די ערליכע אידן האָבן דאָס נישט געטון ווייל זיי האָבן געוואָלט די סגולה דערפון; זיי האָבן נישט מקבל געווען דעם רצון ה' באהבה מיט'ן חשבון אַז אויב מ'גייט מקבל זיין גייט זיך די גזירה איבערדרייען. חס מלהזכיר! נישט דאָס איז געווען זייער חשבון! זייער איינציגע חשבון איז געווען אַז אויב ס'איז דאָ אַ מצב פון יסורים דעמאָלט איז די ערשטע שטאַפּל צו מכיר זיין אַז ס'איז די בעסטע זאַך אויף דער וועלט! **אויב דאָס איז דער רצון ה' דעמאָלט בין איך דאָס מקבל מיט אַ שמחה!** דאָס איז 'אלף'!

## ערליכע אידן האָבן געהאָרעוועט אויף דער עבודה

און נישט אַלעמאָל איז עס זיי אָנגעקומען אַזוי לייכט. די מענטשן זענען אויך געווען געמאַכט פון 'בשר ודם', ווי ר' אלי' ראָטה פלעגט מעיד זיין אויף זיך: **"מיינסט אַז עס מיר גרינג?! מיינסט אַז די ערשטע סעקונדע האָב איך אַזעלכע מחשבות פון קבלת יסורים?! ניין, איך מוטשע זיך, אָבער איך ווייס כאָטש אויף וואָס איך האָב צו אַרבעטן".** זיי האָבן מקבל געווען פון ערליכע אידן און זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס איז וואָס מ'דאַרף טון!

עס האָט מיך פאַרציילט אַן אייניקל פון הרה"צ רבי **ניסן פילטשיק** זצ"ל, אַן עלטערער חסיד פון אַמעריקע. וויאַזוי ר' ניסן איז געליגן אין בעט מיט גרויסע יסורים. עס האָט זייער וויי געטון און ס'איז געווען ביטער שווער. פּינף אַזייגער פאַרטאָגס איז דאָס אייניקל אַריינגעקומען אין שטוב און ער הערט ווי ר' ניסן זאָגט: **"רבוש"ע! איך בין אינגאַנצן דיינס, האק אַריין אין מיר וויפיל דו ווילסט!".**

פאַרוואָס איז ר' ניסן נישט געזעסן מיט אַ תהלים?! ווייל ר' ניסן האָט געהאָרעוועט אויף זיך צו משלים זיין דעם חלק פון 'שתיקותא'. ער פלעגט אַרומגיין אין גאַס מיט גרויסע יסורים און אָפּגעשטעלט אידן פרעגן: **"איר האָט געהערט וואָס רבא זאָגט?!"**. וועלכע רבא?! די מימרא פון רבא אין מסכת ברכות (ס, ב): **"חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, אמר רבא לא נצרכה אלא לקבולינהו בשמחה".** רבא לייגט צו אַז נישט גענוג דאַרף מען דאַנקן, נאָר מ'דאַרף מקבל זיין דעם מצב מיט אַ שמחה!

## "אַז דער אויבערשטער וויל אַזוי זאָל זיין אַזוי!"

דער אייניקל דערציילט אויך אַז אַמאָל האָבן די עלטערע אידן געהאַט פאַלשע ציין. היינט לייגט מען דאָס אַריין פערמענאַנט, אָבער מיר אַלע געדענקן וויאַזוי ס'האָט אויסגעקוקט די פאַלשע ציין וואָס מ'האָט אַרויסגענומען און אַוועקגעלייגט...

איז געווען פאַר פסח, ווען מען האָט באַשטימט אַ טאָג ווען מ'גייט כשר'ן די פאַלשע ציין אויף פסח. ר' ניסן האָט באַשטעלט אַז ס'זאָל קומען אַן אייניקל וואָס זאָל עס כשר'ן. למעשה ווען דער טאָג איז אָנגעקומען איז די ציין פאַרלוירן געוואָרן, מ'האָט געזוכט זעקס שעה און איבערגעדרייט דאָס גאַנצע הויז אָבער אָן ערפאָלג. ס'איז געווען אַ גרויסע עגמת נפש ווייל ר' ניסן האָט זיך געזאָרגט וואָס וועט זיין מיט די כזית מצה?! מ'קען דאָך שוין נישט יעצט באַשטעלן פרישע, וויאַזוי וועט ער קען מקיים זיין די מצוה פון אכילת כזית מצה?!

דאָס אייניקל האָט אַביסל געקענט דעם זיידן איז ער צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט: "זיידע, וואָס וועט זיין מיט די כזית מצה?". האָט ר' ניסן זיך באַלד דערמאַנט און זיך געכאַפּט: **"אַז דער אויבערשטער וויל אַזוי זאָל זיין אַזוי!"**

ווי נאָר ר' ניסן האָט זיך דערמאַנט אָט דעם כלל איז ער ממש אַריין אין אַ געוואַלדיגע שמחה. ער האָט אָנגעהויבן שפּרינגען און טאַנצן מיט אַ ניגון: "אַז דער אויבערשטער וויל אַז איך זאָל נישט האָבן די ציין זאָל זיין אַזוי"...

דער זעלבער מענטש איז מיט עטליכע מינוט צוריק געווען אויסער זיך, **אָבער אַצינד האָט ער זיך דערמאַנט אַז אַלעס איז דאָך פון דעם רבוש"ע!** יעצט איז די עבודה צו טאַנצן און מקבל זיין באהבה! אודאי נאָכדעם ווערט שוין אַלעס נתהפך לטובה און מ'טרעפט שוין די ציינער, אָבער **נישט דערפאַר איז מען מקבל די יסורים.** די רעיון איז נישט צו מאַכן 'סגולות'... נאָר זיך צו מבטל זיין צום רצון ה' און מקיים זיין דעם "לקבולינהו בשמחה"!

ב

# סמא דיסורי קבולי; הכנעה פאַר'ן רצון ה' נעמט בפועל אַוועק די יסורים

## דורך קבלת יסורים ווערט 'פקע השעבוד'

אַצינד, נאָכדעם וואָס מ'האָט גוט דערהערט דעם יסוד אַז די ערשטע שטאַפּל דאַרף אַלעמאָל זיין 'קבלת יסורים באהבה' - די חלק פון 'שתיקותא', נאָך פאַר די חלק פון 'מיבעי רחמי' - לאָמיר גיין צום קומענדיגן יסוד וואָס שטייט אין **אור החיים הק'** פרשת ויגש (פרק מ"ו פסוק ז').

דער אור החיים הק' דערמאָנט דאָרט דעם חז"ל אַז כל זמן עס האָבן געלעבט איינער פון די שבעים נפש וועלכע זענען געקומען קיין מצרים האָט זיך נישט אָנגעהויבן דער שעבוד. מען האָט געוואַרט ביז די אַלע שבעים נפש זענען אַוועק פון דער וועלט און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער שעבוד מצרים.

זאָגט דערויף דער אור החיים הק' דער טעם פאַרוואָס ס'איז אַזוי געווען: **"כי אולי שזה היה להם לתשלום** (לשכר) **קבלת גזירת מלך ברצון, פקע מהם השעבוד, כי סמא דיסורי קבולי."** דאָס איז געווען זייער שכר וויבאַלד זיי האָבן מקבל געווען די גזירה פון השי"ת ברצון. ווען דער רבוש"ע האָט געזאָגט אַז מ'דאַרף אַראָפּגיין קיין מצרים זענען זיי געגאַנגען מיט אַ ביטול צום רצון ה'! זיי האָבן דאָס געטון ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן!

זיי האָבן נישט געזאָגט: "וואָס וועט זיין?! אפשר קען מען צעברעכן די גזירה?! אפשר קען מען אַריינרייסן?!". נאָר אַז דער רבוש"ע האָט געהייסן גיין אין מצרים האָבן זיי דאָס מקבל געווען באהבה. בשכר זה איז געווען **'פקע מהם השעבוד'.**

און דער אור החיים הק' פירט אויס די ווערטער פון חז"ל: **'סמא דיסורי קבולי'** - די רפואה פאַר יסורים איז ווען מען איז דאָס מקבל באהבה!

## אַז מען איז מקבל באהבה, שיקט מען נישט קיין פרישע יסורים

לאָמיר אָפּלערנען די הייליגע ווערטער פון דעם אור החיים הק', וואָס באמת שטייט דאָס שוין אין די ראשונים, נאָר דער אור החיים הק' האָט דאָס אַרויסגעגעבן מיט מער הסבר אַז יעדער פשוט'ער איד זאָל דאָס קענען לערנען.

די יסורים וואָס קומען אויף דעם מענטש איז דאָך אַ געוויסע סאָרט 'שפע' וואָס איז אָנגעקומען אויף דעם אופן. און פונקט ווי די מאכלים וואָס אַ מענטש עסט איז ער נישט פאַרזיכערט אַז ס'גייט נקלט ווערן ביי אים, דאָס זעלבע איז ביי יסורים, **כדי אַז ס'זאָל**

**אויפטון דארף עס נקלט ווערן ריכטיג!** דער מענטש דארף עס אָננעמען מיט צוויי הענט און עס מקבל זיין באהבה!

מיר זענען טאַקע נישט אויף די מדריגה פון בעטן פאַר די יסורים, אַזוי ווי די **גמרא** (בבא מציעא דף פ"ד) דערציילט אויף רבי אלעזר ב"ר שמעון אַז ער האָט זיך איינגעלאַדנט זיינע יסורים "אחי ורעי". מיר האַלטן נישט ביי דער מדריגה, אָבער **ווען די יסורים קומען שוין סייווי, אויב מען לאָזט אַז ס'זאָל אַריינגיין אין אונז, ווערט דאָס די רפואה פון די יסורים!** מ'דאַרף שוין נישט שיקן קיין נייע יסורים! ווי דער אור החיים הק' זאָגט דאָס לשון "פקע מהם השעבוד", אויב מען קריגט זיך נישט מיט די יסורים ענדיגט זיך עס!

אָבער אויב דער מענטש לאָזט זיך נישט, און ער פירט אַ קאַמף קעגן די יסורים. דעמאָלט קען עס נישט נקלט ווערן. וואָס גייט יעצט געשען?! עס וועט דאַרפן קומען נאָך יסורים כדי ס'זאָל יאָ נקלט ווערן. אויב ער שטעלט אַ גרעסערע ווידערשטאַנד דאַרף חלילה קומען גרעסערע כוחות, ווייל דער מענטש קריגט זיך דערמיט און ער לאָזט עס נישט אַריין!

## תפלה מיט אַן 'הכנעה' - נישט מיט קיין 'מלחמה'

לאָמיר אַריינקלערן: ווער קריגט זיך מיט די יסורים?! דער נפש האדם שלאָגט זיך דאָ! דער נפש איז לוחם און וויל עס נישט מקבל זיין! ער איז נישט מסכים: "ניין, ס'קומט מיר נישט! פאַרוואָס?! מ'גייט פּרובירן דאָס צו טוישן!".

שפּעטער, ווען דער מענטש גייט דאַווענען אויף דעם ענין, **האַלט אָבער זיין נפש יעצט אינמיטן אַ מלחמה!** שפּעטער ווען ער גייט טון השתדלות, האַלט זיין נפש אינמיטן אַ מלחמה מיט'ן מצב! רבותי, שימו לב, דאָס איז וואָס דער מענטש טוט יעצט! אויב וועט זיין נפש מסכים זיין צו מקבל זיין די יסורים, קען ער נאָכדעם מתפלל זיין און טון השתדלות, אָבער **אויב ס'איז נישטאָ קיין 'שתיקותא' קען נישט זיין קיין 'מיבעי רחמי'**, ווייל די נפש איז דאָ אינמיטן אַ ווידערשטאַנד!

נעם עס אָן באהבה! גלייב אַז דער רבוש"ע איז אַ טוב ומטיב! יעצט וועסטו קענען גיין צום קומענדיגן שטאַפּל פון מתפלל זיין מיט אַ ריכטיגע ביטול און הכנעה, צו מהפך זיין אַלעס אויף טוב הנגלה.

## לאָמיר כאָטש אָנהויבן פּרובירן

דער מענטש פרעגט: "אָבער איך האַלט נאָכנישט ביי דער מדריגה?!" זאָגט מען אים: אַז דו וועסט דאָס חזר'ן אַסאַך מאָל וועסטו מצליח זיין כאָטש אַביסל צו קענען זיין 'מח שליט על הלב', צו מקבל זיין דעם מצב באהבה, אָן קיין שום התנגדות.

אויב נאָכדעם וועט זיין אַביסל שווערער, אויב דו וועסט נאָכאַמאָל שפּירן אַז דו ווילסט לוחם זיין קעגן די יסורים, וועסטו נאָכאַמאָל פּרובירן זיך צו מחזק זיין

> **די רעיון איז נישט צו מאַכן 'סגולות'... נאר זיך צו מבטל זיין צום רצון ה'**

מיט אמונה און ביטול!

אודאי ביזטו נישט קיין מלאך, אָבער דער רבוש"ע ווייסט אַז דו קענסט מאַכן אַז דיין נפש זאל יאָ מסכים זיין מיט'ן מצב, נישט צו וועלן גאָרנישט אַנדערש ווי דער רצון ה', ווייל דאָס איז די בעסטע זאַך וואָס קען זיין!

## דאָס קינד וואָס אלי' הנביא האָט געזען

ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגע עובדא וואָס ברענגט זייער גוט אַרויס דעם יסוד, פון הרה"ק רבי **יוסף מאיר פון מאכנובקא** זי"ע, וואָס איז געווען אַן אייניקל פון הרה"ק רבי **איציק'ל מסקווירא** זי"ע. ווען ער איז געווען אַ זעקס יעריג אינגל פלעגט אים דער זיידע פאַרהערן דאָס לערנען.

אַמאָל האָט אים הרה"ק ר' איציקל געפרעגט: "וואָס האָסטו געלערנט היינט?" האָט דאָס קינד געזאָגט אַז היינט האָט ער נישט געלערנט, ווייל ס'איז געווען אַ יריד פון אָקסן אין דער שטאָט, און ער האָט געהערט אַז אליהו הנביא דרייט זיך אין דעם יריד, און היות ער האָט געוואָלט זען אלי' הנביא איז ער אים געגאַנגען אויפזוכן אין דעם יריד.

ווען דער זיידע האָט אים געפרעגט: "נו, האָסטו געזען אליהו הנביא?!" האָט דאָס קינד געזאָגט אַז ניין. האָט ר' איציקל ווייטער געפרעגט: "וואָס האָסטו יאָ געזען?!" האָט דאָס קינד דערציילט אַז ער האָט געזען וויאַזוי די סוחרים ברענגען די אָקסן צום פאַרקויפן און דערווייל האָבן זיי צוגעבינדן די אָקסן צום גדר אַז זיי זאָלן נישט אַנטלויפן.

"האָב איך געזען" - פאַרציילט דאָס זעקס יעריג יונגל - "אַז ס'איז געווען אַזעלכע אָקסן וואָס זיי האָבן פּרובירט זיך אַרויסצורייסן, אָבער נישט בלויז איז זיי עס נישט געגאַנגען, נאר דורכדעם איז דער קשר געוואָרן שטייפער און זיי האָבן נאָכמער געליטן פון דעם צער פון זיך אויסרייסן.

"נאָכדעם איז געווען אַזעלכע אָקסן, וואָס הגם ס'איז זיי נישט געווען באַ'טעמ'ט צו זיין צוגעבינדן, אָבער זיי זענען געשטאַנען רואיג און צוליב דעם האָבן נישט געהאַט קיין יסורים. צוביסלעך האָט די שטריק זיך אַביסל נאָכגעלאָזט און זיי האָבן זיך געקענט דרייען רואיגער".

האָט דאָס קינד געזאָגט פאַר'ן זיידן אַז ער האָט דערפון פאַרשטאַנען אַ לימוד אַז **אויב ס'איז ח"ו נגזר געוואָרן פאַר'ן מענטש אַ גזירה, און ער איז דאָס מקבל באהבה, וועט ער דאָס אַסאַך גרינגער אַריבערגיין**, און כאָטש וועט ער נישט מוסיף זיין קיין יסורים פון אַרום און אַרום. אַמאָל וועט זיך אפילו אינגאַנצן עפענען די שטריק.

אָבער אויב מען שטעלט אַ ווידערשטאַנד קעגן די יסורים, מען פּרובירט זיך אַרויסצודרייען, דעמאָלט נישט בלויז מ'איז נישט מצליח, נאר מען מאַכט זיך נאָך אָן אַזויפיל יסורים, מער און מער!

ווען הרה"ק ר' איציק'ל האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט: **"דו האסט נישט געזען אליהו הנביא, אָבער אליהו הנביא האָט דיך געזען"!** זיך באַציענדיג אויף דעם וואָס עס שטייט אין ספה"ק **מאור עינים** פּרשת ויצא אַז יעדער מענטש קען האָבן אַ גילוי פון אליהו הנביא, דורך אַ גילוי אין דער תורה הק'. **ווען דאָס אייניקל האָט דאָ מרגיש געווען אַ געוואַלדיגע אמת איז נתגלה געוואָרן אליהו הנביא ביי אים אין האַרץ!**

דאָס איז דאך אַזאַ געוואַלדיגע יסוד וואָס מ'קען זיך דורכדעם בעסער מאַכן בגשמיות און ברוחניות!

## שטעל זיך דאַווענען מיט אַ הקדמה פון 'קבלת יסורים'

דערמיט ווערט אַזוי גוט פאַרענטפערט די שאלות וואָס מ'האָט געפרעגט אין אָנהויב פון דעם שיעור, אַז לכאורה ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ שוועריגקייט, ווייסט ער נישט וואָס דאַרף זיין די עבודה; אפשר וויל דער רבוש"ע מיינע תפלות און אויב כ'וועל איינרייסן וועל איך קענען משנה דעם מצב; אָדער אפשר דאַרף איך עס מקבל זיין באהבה.

די תשובה איז אַז אודאי זאָלסטו דאַווענען, און קענסט אפילו לאָזן טרערן ביים דאַווענען, אָבער **אויב דו וועסט דאָס טון פאַר'ן ערשטן שטאַפּל פון 'שתיקותא' וועט דיין נפש נישט דאָרט זיין!**

די גייסט דאך אַריבער נישט קיין לייכטע מצב, דעריבער אויב דו וועסט גלייך אָנהויבן מיט תפלה, און וועסט נישט האָבן די ערשטע חלק פון מקבל זיין דעם מצב, **וועט דיין נפש זיך למעשה קריגן מיט דעם מציאות.** דו זאָגסט די ווערטער אין תהלים אָבער דו טראַכסט בשעת מעשה: "ס'קען נישט זיין אַז דער מצב זאל אַזוי ממשיך זיין, ס'קומט נישט אין באַטראַכט, איך קען אפילו נישט טראַכטן דערפון ווייל ס'איז אַזוי געפערליך, וואָס וועט זיין?".

דאָס מיינט אַז דו האסט נישט געהאַט די 'שתיקותא'! ס'איז נישט געווען די 'סמא דיסורי קבלי'. **קומט אויס אַז ס'קען גאָר זיין אַז די תפלה זאל חלילה זיין אַזוי ווי דער אָקס וואָס פארהאנקעט זיך, ווייל ער וויל זיך באַפרייען.** אויב דו קריגסט זיך מיט'ן מצב ווערט דאָס אַרגער, מיט נאָכמער צער ח"ו.

ג

# והטוב בעיניך עשה; די ריכטיגע תפלה פון אַ איד איז באַגלייט מיט אַ ביטול פאַר'ן רצון ה'

## די סיבה פאַרוואָס נישט אַלע תפלות ווערן נתקבל

ס'איז דאָ אַ מוראַ'דיגע לשון אין **ספר העקרים**, וואָס איז געווען אַ ראשון. ער שרייבט אַז אַמאָל קען זיין אַז אַ מענטש זאל דאַווענען און ס'איז באמת געווען אַ תפלה אין דעם ריכטיגן זמן און מיט דעם ריכטיגן הארץ, אָבער צומאָל וועט נישט נתקבל געווען די תפלה, **נישט ווייל ס'איז דאָ אַ פּראָבלעם מיט די תפלה, נאר ווייל דער רבוש"ע ווייסט אַז**

**ס'איז נישט גוט פאר דעם מענטש אַז די תפלה זאל געענטפערט ווערן!** ס'קען זיין ס'איז נישט גוט פאַר דעם מענטש צו האָבן קינדער אדער פרנסה!

דאָס הייסט אַז ס'איז דאָ די ערשטע שטאַפּל פון 'שתיקותא' און ס'איז דאָ די צווייטע שטאַפּל פון 'מיבעי רחמי'. אויב דער מענטש וועט טון די חלק פון 'שתיקותא' וועט דאָס אים מאַכן גרינגער און זיסער און ס'וועט אויך איבערקערן דעם מצב. אַצינד ווען ער קומט אָן צו דעם חלק פון 'מתפלל זיין' דאַרף ער אָבער געדענקן אַז: **דו ווייסט קיינמאָל נישט וואָס איז גוט פאַר דיר.**

## קיינער ווייסט נישט אויב די ישועה איז גוט פאַר אים

ס'איז געווען אַסאַך צדיקים וואָס זענען אַוועק פון דער וועלט אָן קיין קינדער, אַזוי האָבן זיי זיך משלים געווען, דאָס איז געווען דער שלימות פון זייער נפש אַז זיי האָבן נישט איבערגעלאָזט. ס'איז זייער שווער אַנצונעמען אַזאַ זאַך, אָבער לאָמיר אַרבעטן דערויף, ווי דער תולדות ברענגט פון בעש"ט הק' אַז מ'דאַרף מתפלל זיין צו קענען מקבל זיין יסורים באהבה.

ס'קען אָבער אויך זיין אַז די ישועה איז יאָ גוט פאַר דיר, נאר דער רבוש"ע וואַרט אויף דיין תפלה! דער מענטש ווייסט נישט, אפשר אַזוי אָדער אפשר אַזוי. אויב איך וועל זיך עקשנ'ען אויף איינע פון די צוויי וועגן קען איך דאַך פאַרלירן מיין גאַנצע עתיד! לאָמיר זאָגן אַז כ'וועל משלים זיין מיט'ן מצב, אפשר וועל איך פאַרלירן מיין ישועה וואָס כ'וואָלט יאָ געקענט באַקומען. ווידעראום פאַרקערט, לאָמיר זאָגן אַז כ'וועל איינרייסן מיט תפלות, מיט סגולות, מיט קברי צדיקים, און כ'וועל באַקומען אַן אויסגעקוועטשע ישועה, אַן אויסגעבעטן קינד, אפשר וועט דאָס גאָר שעדיגן מיין גאַנצע עתיד חלילה.

ובמאמר המוסגר, וויפיל מאָל זעט מען אַזוי אַז נאָכ'ן אויסבעטן און נאָכ'ן האָבן די ישועה האָט מען צען מאָל מער עגמת נפש, און מ'טראַכט צו זיך: "וואָס האָב איך געדאַרפט דאָס אויסבעטן, כ'האָב זיך נאר געמאַכט ערגער".

נו אויב אַזוי, וויאַזוי ווייסט דער מענטש וואָס צו טון?!

## דאַווענען מיט אַן אַנערקענונג אַז "איך ווייס גאָרנישט"

זאָגט דער ספר העקרים: דו דאַרפסט זיין איבערצייגט נאָך איידער דו גייסט דאַווענען, אַז **דו ווייסט נישט וואָס איז גוט פאַר דיר!** די בעסטע תפלה פון אַ איד איז ווען ער איז מתפלל און ער זאָגט דערנאָך: "רבוש"ע טו דיין רצון! עשה רצונך בשמים ממעל ותן נחת רוח ליראיך מתחת", **העלף אונז אַז דאָ אויף דער וועלט זאָלן מיר זען דיין טוב הנגלה, אָבער "והטוב בעיניך עשה"!**

אַ מענטש דאַרף זאָגן בשעת'ן דאַווענען: איך גלייב באמונה שלימה אַז דער רבוש"ע קען אַלעס מאַכן, אָבער איך ווייס נישט וואָס ס'איז די בעסטע זאַך! דעריבער בין איך מתפלל "והטוב בעיניך עשה".

דאָס הייסט אַז נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט געמאַכט אַ ריכטיגע 'שתיקותא' ווי ס'דאַרף צו זיין, הערשט דעמאָלט קען ער גיין דאַווענען, ווייל ער ווייסט נישט וואָס איז גוט פאַר אים! און ווען דו ווייסט נישט, דאַן איז דיין תפלה אַזאַ אמת'ע תפלה! דער מענטש בעט: **"רבוש"ע מאַך אַז ס'זאָל זיין חסדים גלויים, אָדער זאָל איך זען אַז ס'איז גוט, אָדער זאָל איך צוקומען צו אַזאַ מדריגה אַז כ'זאָל זיין מלא שמחה וחיות פון יעדן מצב וואו כ'בין, איך זאָל קענען משלים זיין מיט יעדן מציאות, מיט קינדער, מיט נחת, מיט רפואה, מיט חינוך, א.א.וו.".**

נאָך יעדע תפלה לייג צו די ווערטער: "**רבוש"ע איך גלייב אַז דו קענסט אַלעס טויען, אָבער איך בעט דיך, טו וויאַזוי דו פאַרשטייסט**"!

## אַז מ'נעמט זיך אַליין ווערט מען נישט געהאָלפן

הרה"צ ר' **אלי' ראָטה** זצ"ל פלעגט פאַרציילן (געדרוקט אין ספר איש חסיד היה עמוד ש"ע): ס'איז געווען אַ איידעלער איד, אַ תלמיד חכם און אַ בר דעת, וואָס האָט זיך געמוטשעט שטאַרק מיט שלום בית. זיין אידענע האָט אים ממש ביטער געמאַטערט דאָס לעבן אַזש ס'איז געווען געפערליך.

היות דער איד איז געווען אַן איידעלער און אַ בר דעת האָט ער שטענדיג מקבל געווען די יסורים באהבה: ער פלעגט אַלעמאָל זאָגן אַז אויב ווען מ'קומט אַפּ דאָ אויף דער וועלט, דעמאָלט איז די קומענדיגע וועלט זיס און געשמאַק. ב"ה אַז אַלע אַנדערע זאַכן זענען יאָ גלאַטיג. אויב איז מיך באַשערט די עגמת נפש דאַרף איך דאָס מקבל זיין באהבה.

אָבער שפּעטער ווען ער איז געוואָרן עלטער, האָט ער געשפּירט אַז ס'איז שוין מער ווי זיינע כוחות קענען דערהייבן. ס'איז דאָך דאָ אַ גבול וויפיל אַ מענטש קען ליידן. האָט ער מקיים געווען דעם "וכתב לה ספר כריתות ושלחה מביתו". ער האָט געשפּירט אַז ער האָט שוין נישט די כוחות הנפש. פּערציג יאָר איז גענוג צו ליידן, אַלעס האָט אַ גבול.

מ'האָט אים גלייך מציע געווען פרישע שידוכים, און ס'איז טאַקע נתקיים געוואָרן "מצא אשה מצא טוב", ער האָט באַקומען אַ געשמאַקע רואיגע לעבן, מיט שלום ושלוה עד להפליא. אָבער ס'איז אַריבער אַ קורצע צייט און דער איד איז ליידער געוואָרן פּאַראַליזירט אויף אַ האַלבן גוף ל"ע. ער נעבעך קראַנק געוואָרן האָט זיך שוין נישט געקענט באַוועגן געהעריג.

ווען ר' אלי' ראָטה איז געווען אים מבקר חולה זיין האָט דער איד געזאָגט: איר זעט ר' אלי'?! **ווען פון הימל וויל מען עפּעס איז נישטאָ קיין חכמות! מ'קען נישט אַנטלויפן!** כ'האָב געוואָלט האָבן אַ חיים טובים, האָב איך געענדיגט מיט איין צרה, און מ'האָט מיך געשיקט אַ צווייטע וואָס איז נאָך ערגער! מ'קען זיך נישט גאָרנישט אַליין נעמען!

## תפלה צוזאַמען מיט הכנעה

מ'דאַרף מקבל זיין דעם רצון ה' באהבה און אַזוי מתפלל זיין. אָבער קריג זיך נישט מיט דעם גזירת שמים! אַז דו ווייסט נישט וועלכע וועג ס'איז בעסער, דאַוון מיט דער ידיעה אַז: "**איך ווייס נישט וואָס איז גוט פאר מיר, רבוש"ע מאַך אַז ס'זאָל מיר זיין זיס**".

בידעי ומכירי קאַמינא, איך קען אַזעלכע אידן, וואָס ליידן צרות אָבער **זיי זענען אַזוי פריילך אַלעמאָל מיט אַזאַ שבח והודאה להשי"ת**. ס'איז נישט ווייל זיי דאַווענען נישט. אוי דאַווענען זיי! זייער תהלים איז נאַס פון טרערן! אָבער זיי זענען אַזוי בשמחה ווייל זיי זענען מקבל זייערע יסורים באהבה.

## די כוחות הנפש וואָס מ'באַקומט פון הכנעה להשי"ת

איינס פון די זאַכן וואָס געשעט ווען מען איז מקבל יסורים באהבה, איז אַז דער רבוש"ע גיט אַזעלכע כוחות וואָס מ'האָט בכלל נישט געוואוסט אַז מ'האָט אַזעלכע כוחות!

יעדער פשוט'ער איד באַקומט אַזעלכע כוחות אַז ער קען אָנהויבן זען דעם 'הראינו ה' חסדיך'! אפילו לאָמיר זאָגן אַז ס'איז דאָ אַ פלאַץ וואו דער פּראָבלעם איז נאָכנישט געוואָרן מסודר, אָבער **פון אַרום און**

### אותיות מחכימות

ספר העקרים (מאמר ד' פרק כ"ד)

וכן התפילה פעמים הרבה יעשה אותה האדם כמו שראוי ובעת הראוי, ולא תקובל התפלה, ולא מצד חטא המתפלל, אלא שלא יסכים בזה רצון השם יתברך... ואם בעבור שהשם יתברך יודע שאין הדבר ההוא המבוקש טוב אל המתפלל, ועל צד ההשגחה עליו לא תקובל תפילתו, כאילו תאמר שהתפלל בעבור בנים ולא תקובל תפילתו, להיות השם יתברך יודע היות הבנים רעים אליו ומבקשים להמיתו כמו אבשלום שביקש להמית את דוד.

או שיתפלל בעד ממון, והשם יתברך יודע שהממון ההוא יהיה סיבת מותו, כמאמר שלמה עושר שמור לבעליו לרעתו, או שיהיה סיבת כפירתו כמאמר שלמה פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ה', או לסיבה אחרת נסתרת ממנו וידועה אצל השם יתברך.

ולזה יהיה מבחר התפילה מה שהיה מתפלל החכם ואומר 'רבונו של עולם עשה רצונך בשמים ממעל, ותן נחת רוח ליראיך מתחת, והטוב בעיניך עשה'.

אמר 'שיעשה רצונו בשמים' בענין שיהיה נחת רוח מתחת ליראי ה', וזה שישדד המערכת לבטל הגזרה מעל עושי רצונו בענין שיהיה להם כח לינצל מצרתם.

ואחר כך אמר 'והטוב בעיניך עשה', כלומר ובכל דבר שאני מתפלל לפניך אל תפן לדברי ולא לבקשתי לעשות מה שלבי חפץ או מה שאני שואל, שפעמים הרבה אני מבקש ומתפלל על דבר שהוא רע לי, לפי שאני מדמה וחושב שהוא טוב, ואתה הוא היודע יותר ממני אם הדבר ההוא טוב אלי או רע, ועל כן אתה תבחר ולא אני, עשה מה שאתה יודע שהוא טוב.

וזהו 'והטוב בעיניך עשה', לא מה שהוא טוב בעיני. ובעבור זה הוא שאמרו רבותינו ז"ל 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה', לפי שבחינת הטוב הוא אל השם יתברך לא אל האדם, שעל ה' לבחור דרך הטוב והישועה אל האדם, אבל האדם אין לו לעשות אלא לברך השם תמיד.

וזהו שאמר דוד לה' הישועה, כלומר על השם יתברך לבדו הוא בחירת דרך הישועה ולא על האדם, ומה שמוטל על האדם הוא לברך את ה' תמיד על הטובה ועל הרעה ויכיר שהכל הוא לטוב לו, וזהו על עמך ברכתך סלה.

**אַרום הייבט ער אָן זען אַז דער רבוש"ע איז אַזוי גוט צו מיר!** דער מענטש הייבט אן געהאָלפן ווערן דאָ און דאָרט. **ער הייבט אן שפירן אַזויפיל קליינע זאַכן וואו דער אויבערשטער האָט אים יאָ געהאָלפן**, און ער גייט ממש אַרויס פון די כלים צו דאַנקן און לויבן השי"ת דערויף!

מ'זעט דאָס טאָג טעגליך, **די מענטשן וואָס האָבן הכנעה צום רבוש"ע דרייען זיך אַרום מיט אַזויפיל חיות און שמחה.** אפילו אויב זייער פּראָבלעם איז געבליבן, אָבער זיי שפּירן אַז ס'איז זיי גוט און לעכטיג!

אַזעלכע אידן באַקומען באמת אַזויפיל שפע מלא חפניים פון גוטס ביי אַלע אַנדערע ענינים פון לעבן, אַסאַך מער פון די אַרומיגע מענטשן! אַלע אַרומיגע זאַכן קלאַפּט ביי זיי! פאַרוואָס?! **ווייל זיי קריגן זיך נישט מיט דעם מצב וואָס זיי דאַרפן אַריבערגיין.** זיי זענען עס מקבל באהבה! דאָס ברענגט אַז אפילו אויב די זאַך אויף וואָס זיי האָבן מתפלל געווען ווערט נישט נשתנה, לעבן זיי אָבער אַ זיסע, רואיגע און געשמאַקע לעבן, אַז ס'איז בכלל נישט שייך דאָס צו שילדערן!

## שמועסט זיך דורך אָפן מיט'ן רבוש"ע איבער דיינע שוועריגקייטן

געוויס דאַרף אַ איד זיין אמת'דיג מיט זיך. אויב מ'גייט דורך אַ שווערן מציאות און מ'שפּירט זיך נישט אין אַ 'חובת הלבבות'דיגע מצב, מ'האַלט נאָכנישט ביי דער מדריגה פון מקבל זיין יסורים באהבה, **דאַרף מען געדענקן וואָס די תורה זאָגט "לא בשמים הוא ולא מעבר לים הוא, בפיך ובלבבך לעשותו".**

דאָס מיינט אַז יעדער מענטש, לויט זיין מצב וואו ער איז, לויט זיין שוועריגקייט וואָס ער האָט, קען אָבער אַלעמאָל זיין נאָענט צום אויבערשטן! קענסט מתפלל זיין אַז דו זאָלסט זוכה זיין צו דער עבודה פון 'שתיקותא'. "**רבוש"ע איך שפיר נאָכנישט וואָס איך דאַרף שפירן!**", דעמאָלט גיט טאַקע דער אויבערשטער די כוחות אַז מ'זאָל דאָס קענען אַריבערגיין ריכטיג!

## די האַרציגע תפלות פון דוד המלך מיט אַן אָפנקייט

דער אויבערשטער ווייסט דאך במילא וואָס דו גייסט דורך! רעדט מיט אים! דוד המלך רעדט אויך אַזוי צום רבוש"ע! מיר האָבן נישט קיין השגה אין די מדריגות פון דוד המלך אָבער אין תהלים זען מיר וויאַזוי דוד המלך רעדט זיך אויס צום רבוש"ע ווי ביטער ס'איז אים: "**היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה**".

און גלייך נאָכדעם אין דעם זעלבן קאַפּיטל איז ער זיך מחזק: "**מה תשתוחחי נפשי ותהמי עלי הוחילי לאלוקים כי עוד אודנו ישועות פניו**", פאַרוואָס ביזטו מיין נפש אַזוי צעבראָכן פאַרוואָס דאַרפסטו וויינען?! האָף צום אויבערשטן! ער וועט דיך זיכער העלפן, כי עוד אודנו! דוד המלך רעדט זיך אויס צום אויבערשטן: "**ס'איז מיר זייער שווער, העלף מיך אַרויס אין דעם מצב**" און דערנאָך איז ער זיך מחזק מיט בטחון!

## דער איינציגער וואָס קען דיך העלפן איז השי"ת

אַ איד מוז זיין אָפן מיט'ן אויבערשטן און אים פאַרציילן זיין מצב אַז ער האַלט נאָכנישט ביי דער מדריגה פון 'שתיקותא'. **ווער דען וועט דיך אַרויסהעלפן צו קענען אַרויפקריכן דעם לייטער פון קבלת יסורים באהבה, אויב נישט דער רבוש"ע?!**

אַז דו וועסט מתפלל זיין אויף דעם אַליינס, וועט דיך דער אויבערשטער העלפן אַז זאָלסט טאַקע קענען מקיים זיין דעם 'שתיקותא' און ס'זאָל קענען זיין דער 'סמא דיסורי קביל' מיט אָפענע חסדים.

היוצא לנו מכל הנ"ל, אַז ווען מיר ווייסן נישט אויב מ'דאַרף מקבל זיין די יסורים באהבה אָדער אויב מ'דאַרף זיך אויסוויינען ביים תהלים'ל, **אָט די 'נישט וויסן' איז נישט קיין שום פּראָבלעם!** דאָס דאַרף אונז בכלל נישט מבלבל זיין ווייל כלפי דעם 'עבר' ווייסן מיר דאך זיכער אַז אַלעס איז לטובה. און כלפי דעם 'עתיד', איז טאַקע וויבאַלד מיר ווייסן נישט - פאַרשטייען מיר אַז מ'דאַרף דאַווענען אַזוי ווי אַ איד דאַרף דאַווענען!

טאַקע וויבאַלד מ'ווייסט נישט וואָס איז גוט פאַר מיין תכלית קען מען אָנהויבן דאַווענען מיט אַ ביטול צום רבוש"ע **אַז ס'זאָל זיין טוב הנגלה.** מען לאָזט דעם נפש זיך באַרואיגן און דערנאָך זאָגט מען פאַר'ן אויבערשטן: **רבוש"ע איך ווייס נישט וואָס איז די בעסטע זאַך פאַר מיר, כ'ווייס נישט וואָס צו ווילן.** ווער ווייסט אויב כ'וועל אויסבעטן מיט כח אפשר וועט זיין נאָכדעם צען מאָל ערגער? איך בעט דיך דעריבער אַז כ'זאָל נאָר זען אָפענע חסדים! והטוב בעיניך עשה.

## לא עשה כן לכל גוי

כ'האָב געהערט פון די קינדער פון הרה"ח רבי **אברהם דוד בן שרה בלומא ווייס** שליט"א, אַז לעצטנס זענען זיי געווען אין שפּיטאָל האָבן זיי דאָרט געטראָפן אַ גוי וואָס זיצט און וויינט ממש געפערליכע בכיות. זענען זיי צוגעגאַנגען צו דעם גוי פרעגן וואָס איז געשען אַז ער וויינט אַזוי שטאַרק?! האָט דער גוי דערציילט אַז זיין ווייב איז געווען קראַנק, ז' האָט זיך איינמאָל אַרויסגעדרייט, אָבער יעצט איז זי נאָכאַמאָל חרוב קראַנק געוואָרן.

האָבן זיי פּרובירט צו רעדן צו דעם גוי אויף ענגליש אַז דער אויבערשטער וועט דיך העלפן. זיי האָבן אים פּרובירט משכנע זיין אַז ער זאָל האָפן און גלייבן, אָבער דער גוי זאָגט זיי: "ניין, ניין, איך גלייב נישט (עפ"ל)" ער איז אַ פּראָפעסאָר אין די גרויסע 'האַוואַרד אוניווערסיטעט', און ער האָט געמאַכט זיינע חשבונות, ער גלייבט נישט רח"ל. שוין, וואָס קען מען אַצינד רעדן צו אַזאַ נאַרישן מענטש?!

דער גוי האָט אָבער צוגעעניגט: איך בין אייך מקנא! איך באַטראַכט אייך אידן אַגאַנצע צייט און

"זייער תהלים איז נאס פון טרערן! אבער זיי זענען אַזוי בשמחה ווייל זיי זענען מקבל זייערע יסורים באהבה.

איך זעה אַז ענק האָבן אייביג צו וועמען זיך צו ווענדן. איך זעה דאך אייער מצב, און איך ווער ממש משוגע וויאַזוי ענק האָבן אַלעמאָל אַ מהלך, ענק האָבן פאַר וועמען זיך צו אויסרעדן. ענק האָבן דאך אַלעס!

## יעדע זאַך האָט אַ לעזונג אויב מ'איז מקושר צום רבוש"ע

דער רבוש"ע האָט באַשאַפן די וועלט מיט אַ מהלך אַז יעדער מצב קען ווערן מסודר. אין יעדע סאָרט סיטואַציע זאָל דער נפש פון דעם מענטש קענען זיין מיושב און בשמחה, נישט קיין חילוק אין וועלכע סאָרט מציאות ער געפינט זיך. **מ'דאַרף נאָר אַרבעטן צו אָנקומען דאָרט, דורך זיך מקשר זיין מיט'ן אויבערשטן.**

יעדע זאַך אויף דער וועלט האָט אַ פּתרון, אַלעס קלאַפּט און אַלעס שטומט, אויב מען איז מקושר מיט'ן רבוש"ע. אָבער אַ נאַרישער גוי קען דאָס אודאי נישט פאַרשטיין! **ביי יעדע זאַך וואָס קומט אים אונטער ווערט ער אינגאַנצן פאַרקלאַפּט, צעשטאָכן און צעבראָכן, ער האָט נישט קיין וועג אַרויס.** די וועלט איז אַ פאַרלוירענע טונקעלע פּלאַץ ביי אים. וואָס קען ער טון?! ער קען וויינען און אָנהויבן טראַכטן אויב ס'לוינט זיך אים צו זיך נעמען דאָס לעבן בידים...

אָבער דער גוי זעט אַז ס'איז דאָ אידן וואָס זענען מקושר מיט'ן באַשעפער פון דער וועלט, און ער זעט אַז זיי האָבן יאָ אַ מהלך, אין יעדע סאָרט סיטואַציע, אפילו ווען ס'איז גאָר קאָמפּליצירט האָבן זיי מהלך על פי תורה! אויב די פּראָבלעם איז נאָך שווערער איז די עצה אויך אַביסל שווערער, מ'דאַרף אַרבעטן דערויף, אָבער ס'איז דאָ אַן עצה! דער גוי גייט דאך אויס פון קנאה! ער זאָגט: **קוק אויף זייערע פנים'ער! קוק אויף זייער שמייכל! קוק אויף זייער חיות, וויאַזוי זיי זענען מקושר צום רבוש"ע!**

מיר דאַרפן דאָס גוט געדענקן אַז יעדע פּראָבלעם האָט אַ פּונקטליכע לעזונג, **אויב מען איז נאָענט מיט'ן אויבערשטן!** וויפיל מער מיר וועלן דאַווענען דערויף וועלן מיר זוכה זיין צו מכיר זיין דעם אמת. וויפיל מער מיר וועלן מתפלל זיין ביי "והאר עינינו בתורתך" וועלן מיר זוכה זיין צו באַקומען די מתנה פון 'שתיקותא'.

## די כוונה פון מאריך זיין ביי 'אהבה רבה'

ס'איז ידוע וואָס דער ספה"ק **תולדות יעקב יוסף** ברענגט פון דעם **בעש"ט הק'** אַז די סיבה פון דעם אריכות הגלות איז ווייל מ'איז נישט מאריך ביים זאָגן אהבה רבה.

מענטשן מיינען אַמאָל אַז די תפלה פון 'אהבה רבה' איז נאָר געמאַכט פאַר די בחורים אין ישיבה און די כולל אינגעלייט אַז זיי זאָלן קענען מער מצליח זיין אין לערנען. אָבער באמת, אויב מיר וואָלטן מאריך געווען ביי 'והאר עינינו' אַז דער רבוש"ע זאָל אונז ליכטיג מאַכן, צו וויסן וואָס כ'דאַרף צו טון אין דעם יעצטיגן מצב. **דעמאָלט וואָלט דאך געקומען אַזויפיל שפע**, די פּראָבלעמען וואָלטן געוואָרן מסודר, יעדע יסורים אויף דער וועלט וואָלט געוואָרן געלעזט, אודאי וואָלט געקומען די גאולה שלימה!

אָבער אַז מען איז צעטומלט, מ'ווייסט נישט וואו זיך אַהינצוטון, קען דאָס חלילה ברענגען אַן אריכות הגלות. לאָמיר מתפלל זיין ביי 'והאר עינינו' אַז מיר זאָלן ריכטיג וויסן וואָס די תורה הק' זאָגט אונז. און אודאי וועט אונז דער רבוש"ע אַזוי העלפן אַז מ'זאָל זען טוב הנגלה!

# הילולא דצדיקיא

## גדולה תשובה;
### די תשוקה פאַר תשובה במשנתו פון הייליגן רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע

ליל שישי תשא תשפ"ד

א

## ושבת עד ה' אלקיך; די כח התשובה פון הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע

### יעדע הרהור תשובה איז בכוחו ובזכותו

ס'איז ידוע אַז דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** זכותו יגן עלינו, האָט כל ימיו עוסק געווען צו אַריינברענגען אין אידישע קינדער תשובה אויף אַ מורא'דיגן פאַרנעם. הרה"ק רבי **יענקעלע מפשעוואָרסק** זי"ע האָט דערציילט (געדרוקט אין י"ג אורות) אַז דער ערשטער **בעלזער רב** זי"ע האָט געזאָגט: **"דאָס וואָס אַ איד האָט תשובה געטון, דאָס וואָס אַ איד טוט תשובה, און דאָס וואָס אַ איד וועט טון תשובה, איז אַלעס בכוחו פון רבי ר' אלימלך"**.

דער רבי ר' אלימלך זי"ע האָט אַראָפּגעברענגט אַ געוואַלדיגע כח פון תשובה אויף דער וועלט. דאָס איז אַ כח וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר אונז. ער האָט עוסק געווען בתשובה כדי **אַז אידישע נשמות זאָלן זיך קענען מיטכאַפּן** און אַז מיר זאָלן קענען אויך האָבן אַ הרהור תשובה.

**צדיקים** האָבן געזאָגט אַז מערסטנס צדיקים האָבן אויסגע'פועל'ט אַז אפילו מ'האָט זיי באַהאַלטן אין חוץ לארץ זאלן זייערע נשמות אָנקומען קיין ארץ ישראל. חוץ דער רבי ר' אלימלך זי"ע, דאָס איז אַזויווי די זעלבע בחינה פון משה רבינו, וועלכער איז באַהאַלטן געוואָרן אין עבר הירדן צווישן אידן כדי ס'זאָל זיין אַ תועלת פאַר אידישע קינדער. דער רבי ר' אלימלך איז געבליבן על קברו אין חוץ לארץ כדי אַז אידן זאָלן קענען אַרויפקומען דאָרט און קענען תשובה טון. ער האָט געוואָלט בלייבן מיט אידן ווייל ער האָט כל ימיו עוסק געווען בתשובה.

### די מורא'דיגע תשובה פון ר"ר אלימלך

אין דער הקדמה פון הרה"ק בעל **חקל יצחק מספינקא** זי"ע צום ספר אמרי יוסף (שמות) ברענגט ער בשם אביו הרה"ק בעל **אמרי יוסף מספינקא** זי"ע, וואָס ס'איז געווען מרגלא בפומי' צו דערציילן, אַז אַמאָל האָט מען געטראָפן דעם רבי ר' אלימלך זי"ע ווי ער זיך משתטח אויף דער ערד בפישוט ידים ורגלים, און ער האָט געוויינט און געשריגן בלש"ק: **"למה לא נצמח אבן במעי אמו במקומו, ווארין דער שטיין העט נישט געווען מכעיס געווען דעם בורא יתברך שמו, און איך מיילעך האָב יאָ מכעיס געווען דעם בורא יתברך שמו"**.

אויך ברענגט ער דאָרט אַז אַמאָל איז דער הייליגער רבי ר' **מענדעלע רימנובער** זי"ע געווען ביי הרה"ק בעל **דגל מחנה אפרים** זי"ע, האָט דער דגל געפרעגט פון דעם ר"ר מענדעלע, ווער איז דיין רבי?! האָט ער געזאָגט אַז דער רבי ר' אלימלך.

האָט דער דגל געבעטן אַז ער זאָל אים עפּעס דערציילן אַן עובדא פון זיין רבי. דערויף האָט דער רבי מענדעלע געזאָגט אַז ס'איז דאָ איין 'גיד', אָן אָדער, ביי יעדן מענטש, וואָס שאָקלט זיך קיינמאָל נישט, עס רירט זיך נישט פון פלאַץ דאָס גאַנצע לעבן. חוץ פון איין מאָל, בשעת מען האַלט שוין ביי דער לעצטער סעקונדע פון גסיסה. דער מענטש שפּירט אַ געוואַלדיגן פּחד, דעמאָלט גיט זיך דער אָדער אַ שאָקל.

אָבער האָט ר"ר מענדעלע אויסגעפירט: **"ביי מיין רבי שאָקלט זיך דער גיד בכל יום ויום מחמת פּחד פון דעם רבוש"ע!"**. ווען דער הייליגער דגל האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט: "פון אַזאַ חסיד האָב איך הנאה, ער ווייסט וואָס צו דערציילן".

### געטראָפן 400 עבירות צו תשובה טון דערויף

אין דער תשובה פון דעם הייליגן רבי ר' אלימלך האָבן מיר נישט קיין שום השגה. הרה"ק רבי **איציקל פשעוואָרסקער** זי"ע פלעגט דערציילן אַז דער רבי ר' אלימלך האָט געזאָגט מוצאי יום הכיפּורים אויף די קשיא פאַרוואָס ביי מעריב, גלייך נאָך יוה"כ, זאָגט מען 'סלח לנו', אַז ער האָט זיך געמאַכט אַ חשבון אַז פון נאָך נעילה ביז מעריב האָט ער שוין עובר געווען אויף 400 עבירות. ר' איציקל האָט אויסגעפירט אַז **"הלואי וואָלט איך געקענט זוכה זיין צו די עבירות פון דעם רבי ר' אלימלך"**... לויט די הויכע דרגות אין לשמה וואו דער ר"ר אלימלך האָט געהאַלטן האָט ער אַזויפיל תשובה געטון.

ס'איז טאַקע ידוע אַז רבי ר' אלימלך האָט עוסק געווען מיט תעניתים וסיגופים אויף אַ מורא'דיגן אופן. כל ימיו האָט ער עוסק געווען בתשובה און צדיקים האָבן געזאָגט אַז דאָס איז געווען פאר אונזער וועגן! אידן זענען דאָך אַ נשמה כללית, **מיר אַלע האָבן אַ כח צו קענען תשובה טון בזכותו פון דעם הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע.**

### דער כח פון יראת שמים און תשובה על ציונו הק'

הרה"ק רבי **מאיר'ל פון פּרעמישלאַן** זי"ע האָט געזאָגט אַז ווער עס וויל זוכה זיין צו יראת שמים באמת זאָל גיין צום ציון פון ר"ר אלימלך און ער זאָל דאָרט מתפּלל זיין, **"ויעשו שם דבריו פּירות"**. די תפלה אויף יראת שמים ביים ציון פון רבי ר' אלימלך וועט פועל זיין אויפ'ן מענטש אַז ער זאָל זוכה זיין דערצו.

דער הייליגער רבי ר' **מענדעלע רימנובער** זי"ע האָט געזאָגט אַז קומען אויפ'ן ציון פון רבי ר' אלימלך איז **אַ סגולה אַז מ'זאָל נתעורר ווערן לתשובה שלימה.** ס'איז מקובל בפי חסידים אַז ווער ס'קומט אויפ'ן קבר פון ר"ר אלימלך וועט נישט אַוועקגיין פון דער וועלט אָן קיין תשובה.

דאָס איז אַלעס געבויעט אויף די זעלבע נקודה, דער גרויסער כח התשובה וואָס דער רבי ר' אלימלך זי"ע האָט אַריינגעברענגט. איז אפשר כדאי לכבוד די יאָרצייט צו רעדן איבער די תשוקה וואָס אַ מענטש דארף האָבן אַז ער זאָל זוכה זיין צו תשובה.

ב

## כי פשעי אני אדע; די ערשטע תשוקה פון אַ איד דאַרף זיין צו זוכה זיין צו תשובה שלימה

### די אידישע השתוקקות צו תשובה

דאָס דאַרף זיין דאך פּשוט ביים מענטש, אַז ווען ער טראַכט איבער אַ זאַך וואָס ער וויל זייער שטאַרק,

**זאָל די ערשטע ענטפער זיין אַז ער וויל 'תשובה'.**

ווען אַ מענטש וואָלט געהאַט די ריכטיגע שכל וואָלט געווען אַזוי פּשוט ביי אים אַז זיין וויכטיגסטע תשוקה איז די רצון אַז ער זאָל זוכה זיין צו תשובה. אַ מענטש דארף דאָך האָבן אַ שטאַרקע בהירות דערינען. **ווען מען פרעגט אים: "וואָס ווילסטו זוכה**

**זיין?" דאַרף זיין די ערשטע ענטפער: "איך וויל זוכה זיין צו תשובה טון!".** אויב אַ מענטש פאַרשטייט אַביסל וואָס תשובה באַדייט איז פּשוט ביי אים אַז דאָס איז זיין השתוקקות! ער וויל זוכה זיין צו תשובה שלימה! דער מושג דאַרף זיין אַזאַ דבר פּשוט עד מאוד!

## פאָרן צו קברי צדיקים ווייל "איך וויל תשובה טון"

מ'זעט אַז מענטשן זוכן ישועות. מען פאָרט צו קברי צדיקים, ווייל ער זוכט פּרנסה, ער זוכט אַ סגולה פאַר דעם ענין אָדער פאַר יענעם ענין. מענטשן זענען מסכים צו צאָלן גרויס געלט צו פאָרן אויף אַ ציון פון אַ צדיק ווייל ער מאַכט זיך דעם חשבון, אויב ס'וועט טאַקע אַרבעטן די סגולה פאַר פּרנסה וועט זיך עס אויסצאָלן...

אָבער מ'קען אויך פאָרן מיט אַ תשוקה אַז: "איך וויל זוכה זיין צו תשובה! ווי קען מען שאַפן אַביסל תשובה?!". **דאָס איז דאך ווערד כל הון דעלמא!** ווען דער מענטש וואָלט געהאַט אַביסל שכל וואָלט דאָס געווען זיין עיקר תשוקה.

## תשובה העלפט אויך פאַר פּרנסה...

אפילו פּראַקטיש גערעדט, אויך ווען דער מענטש איז נאָך אויף דער מדריגה אַז ער זוכט פּרנסה, אָבער ס'איז דאך אַזוי נאַריש צו זיין פאַרנומען בלויז מיט דעם. **ווען ער וואָלט תשובה געטון וואָלט ער דאָך געהאַט אַסאַך מער פּרנסה!**

וואָס איז די גרעסטע עיכוב פאַר פּרנסה?! דער רבוש"ע איז דאָך דער 'נותן לחם לכל בשר', נאר די גרעסטע עיכוב פאַר יעדע סאָרט שפע איז ווייל דער מענטש איז ווייט פון דעם רבוש"ע, דערפאַר קומט נישט אָן צו אים זיינע צרכים. אויב אַזוי אַנשטאָט טראַכטן פון די 'ענפים', טראַכט וועגן די זאַך אַליין!

ווי פאַרשטענדליך אַז אַזאַ שפּראַך איז נאָר פאַר איינער וואָס קומט פון דעם פּלאַץ וואו עס טוט אים בלויז וויי זיין פּרנסה, ער זוכט בלויז אַ ישועה פאַר פּרנסה, זאָגט מען פאַר אַזאַ מענטש: אפילו לשיטתך דאַרפסטו אויך זוכה זיין צו תשובה.

אָבער אודאי דאַרף מען גיין ווייטער צו די קומענדיגע קשיא: **פאַרדעם טוט מען תשובה?! וועגן פּרנסה?!** די תשובה איז אודאי ניין. ס'איז נאָר אַזאַ בחינה פון 'לדבריהם דרבנן קאמר', אויך לויט דיר, וואָס דו זוכסט פּרנסה, דאַרפסטו פאַרשטיין אַז דו דאַרפסט האָבן תשובה. אָבער באמת איז דאָס נאַרישקייטן! דאָס איז דען די סיבה פאַרוואָס מ'דאַרף זוכה זיין צו תשובה?! אַ איד איז דאך געקומען אויף דער וועלט צו טון דעם רצון ה' און מ'וועט דאַרפן צוריקגעבן די נשמה!

## תשובה איז די גאַנצע תכלית פון דער בריאה

דער רבוש"ע האָט געוואוסט אַז ס'איז נישט פּשוט דאָ אויף דער וועלט, מען וואַלגערט זיך אַרום מיט אַלע סאָרט נסיונות, ס'איז נישט קיין לייכטע פּרשה וואָס מ'גייט דאָ אַריבער. אָבער דער רבוש"ע האָט גלייך ביי בריאת העולם געזאָגט פאַר די מלאכים: **"קוקט אָן דעם איד נאָכדעם וואָס ער טוט תשובה!".**

> **'וויאַזוי' צו תשובה טון איז שוין נאָך אַ סוגיא, אָבער די ערשטע זאַך האָב כאָטש דעם השתוקקות צו תשובה!**

נאָכדעם וואָס אַ איד טוט תשובה קען ער איבערקערן אַלעס! זדונות נעשים לו כזכיות. **אויב ס'איז דאָ דער חלק פון תשובה ביים מענטש דעמאָלט איז פאַרשטענדליך פאַרוואָס ער איז געקומען דאָ אויף דער וועלט.** דעמאָלט האָט עס אַ פּשט!

## אַז מ'טוט תשובה האָט זיך געלוינט צו באַשאַפן ווערן

ווען אַ מענטש קוקט אויף צוריק זעט ער דאָך אַז דאָ האָט ער זיך פאַרפאַטשקעט, דאָרט האָט ער זיך פאַרזינדיגט, אפילו מיט בלויז ביטול הזמן אָדער ביטול הכוחות פאַר נאַרישקייטן; אפילו פאַר אַזעלכע זאַכן וואָס מענטשן קוקן נישט אָן ווי די גרעסטע עבירות, אָבער דאָס זענען פּראָבלעמען וואָס בלייבן אויף דער נשמה.

אויב מען איז כאָטש זוכה און מען פאַרבעסערט זיך, מען נעמט אַראָפּ דעם טמטום הלב, **דעמאָלט האָט אַ פּשט דאָס גאַנצע קומען אויף דער וועלט!** דעמאָלט ווערט פאַרענטפערט די קשיא פון די מלאכים וואָס האָבן מקטרג געווען אויף די גאַנצע בריאת האדם.

דורך תשובה ווערט פאַרענטפערט פאַרוואָס ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ מענטש און פאַרוואָס ער איז נישט געוואָרן קיין שטיין. דער שטיין גייט דאָך נישט זינדיגן, **'אז ירננו כל עצי יער'**, די ביימער גייען זינגען פאַר'ן רבוש"ע, אויך דאָס וואַסער איז **'ירעם הים ומלואו'**, אָבער וואָס טוט דער מענטש?! ער זינדיגט ליידער קעגן דעם אויבערשטן. בלויז אויב טוט ער תשובה דעמאָלט האָט עס בכלל אַ פּשט פאַרוואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן!

## די בושה פון אַ מענטש וואָס מאַכט קאַליע די גאַנצע בריאה

אַז מ'קוקט מיט אַן אמת'ן בליק איז אַ מענטש וואָס זינדיגט ממש דער שוואַכסטער זאַך אויף דער בריאה. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז אַ קבוצה פון נאָנטע ידידים האָבן זיך צוזאַמגענומען אויף אַ מסיבה, זיי האָבן געוואָלט אַביסל פאַרברענגען געשמאַק און וואַרעם, אָבער **איין מענטש האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט און האָט צעשטערט די גאַנצע זאַך**, ער האָט כסדר אַריינגערעדט און נישט געלאָזט הנאה האָבן, ער האָט קאַליע געמאַכט אַלעס.

ס'איז דאָ אַזאַ עגמת נפש, מען האָט זיך אַזוי לאַנג געגרייט און זיך מטריח געווען צו מאַכן די גאַנצע סעודה, אָבער דער איינער איז געקומען און האָט חרוב געמאַכט פאַר אַלעמען. קיינער האָט נישט געקענט הנאה האָבן.

**געַנוי דאָס איז דער מענטש - אויב ער טוט נישט קיין תשובה!** ס'איז דאך אַזאַ שיינע בריאה, אַלעס איז אַזוי מסודר, אַזוי שיין, אַזוי פול מיט חכמה, מה רבו מעשיך ה', חוץ דער מענטש וואָס שטייט דאָרט און מאַכט קאַליע די בריאה... ער גיסט אויס זאַכן, ער צעברעכט... דאָס איז וואָס ער טוט!

אָבער אויב דער מענטש איז זוכה צו תשובה דעמאָלט גיט אַריין אַ שיין צו דער בריאה. די גאַנצע וועלט איז ראוי אַז ס'זאָל באַשאַפן ווערן נאר פאַר אים.

## ווער וויל דען זיין דער סאָרט מענטש וואָס צעשטערט אַלעס?!

אַ איד וואָס האָט אפילו אַביסל חכמת חיים און קוקט זיך אַרום קען זיך אַליין פרעגן די שאלה: **"דו ווילסט דען זיין דער מענטש וואָס אַלע באַטראַכטן אַז דו ביזט דער וואָס מאַכט קאַליע פאר אַלעמען?! האַ?!".** אפילו לאָמיר זאָגן אַז מ'גייט דיך נישט געבן קיין עונשים, מ'גייט דיך אַלעס מוחל זיין אָבער דו ווילסט טאַקע זיין אַזאַ סאָרט מענטש?!

דאָס איז אַלעס תלוי אין דעם מענטש אַז ער זאָל זיך מתבונן זיין און ער זאָל אָנהויבן משתוקק זיין צו תשובה. **'וויאַזוי' צו תשובה טון איז שוין נאָך אַ סוגיא, אָבער די ערשטע זאַך האָב כאָטש דעם השתוקקות צו תשובה!** דאָס זאָל דיך ליגן אין קאָפּ! זאָג אַ קאַפּיטל תהלים אַז דאָס ווילסטו! "רבוש"ע איך וויל זוכה זיין צו תשובה".

## דיין האַרץ וויל עס, לאָז עס אַרויסקומען!

אַ איד דאַרף דאָס פּשוט לאָזן אַרויסקומען. זיין נשמה וויל דאָס! עס ליגט אינעווייניג אין דיין האַרץ, לאָז זיך אַז ס'זאָל אַרויסקומען! ס'זאָל זיך אַרויסזאָגן די אינערליכע תפלה!

אַזאַ איד גיט צדקה אַז ער זאָל זוכה זיין צו תשובה שלימה. ווען ער שרייבט אַ קוויטל שרייבט ער אַריין אַז ער וויל זוכה זיין צו תשובה שלימה! **ווען ער טראַכט פון פאָרן צו אַ ציון פון אַ צדיק טראַכט ער אַז ס'איז כדאי ווייל מ'קען דאָרט זוכה זיין צו תשובה!** אַלעס איז כדאי אַז איך זאָל דאָרט זוכה זיין צו אַ הרהור תשובה!

## דו ביזט דאָס קינד וואָס אַלע אבות הק' וואַרטן אויף דיין תשובה

אַ מענטש דאַרף זיך מתבונן זיין: ווי ווייט, ווי

גרויס און ווי טיף איז די תשוקה פון עלטערן אַז זייערע קינדער זאלן תשובה טון! אַזאַ השתוקקות נעמט זיי דאָך איבער אינגאַנצן! דאַרף מען געדענקן אַז דו ביזט דאָס קינד! **למעשה ביזטו דאָס קינד פון די אבות הק' מיט די אַלע זיידעס וואָס האָבן זיך אַזויפיל מוסר נפש געווען פאַר'ן רבוש"ע!** דו ביזט דאָס קינד וואָס יעדער ווארט אויף דיין תשובה!

'מה דהוי הוי', וואָס איז געווען איז געווען, אָבער 'מכאן ואילך חושבנא' - אַ איד דארף באמת ווערן טון תשובה שלימה מעומק הלב. ס'האָט נישט קיין פּשט אַנדערש!

ג

# ורוח נכון תחדש בקרבי; תשובה ווייל דאָס ברענגט אַ לויטערקייט אין אַלע חלקים פון תורה און תפלה

## דורך תשובה באַקומט מען אַ קלאָרקייט אין תורה ותפלה

דאָס איז חוץ מזה וואָס אויב אַ מענטש וואָלט זיך מתבונן געווען וואָלט ער פאַרשטאַנען אַז ווען ער טוט תשובה, און דער רבוש"ע העלפּט אַז ס'גייט אַראָפּ זיין טמטום הלב, **וועט ער זיכער פאַרשטיין בעסער לערנען!** נישט קיין שום ספק! אַ מענטש וואָס ס'גייט אים אַראָפּ טמטום הלב פאַרשטייט בעסער די תורה הק'! ווען ער עפענט אַ ספר פאַרשטייט ער בעסער! ער וויל לערנען אַ שטיקל גמרא!

די זעלבע זאַך איז מיט תפלות וואָס ווערן נתקבל דורך תשובה. דער **רמב"ם** זאָגט (הלכות תשובה פ"ז) אַז ווען אַ איד טוט תשובה ווערן זיינע תפלות אָנגענומען אָבער אויב חלילה איז דאָ אן עיכובד אויף די תפלות.

## די וויכטיגסטע השתוקקות איז אויף תשובה

ווען אַ מענטש כאַפּט אַביסל וואָס דאָ טוט זיך, דעמאָלט פאַרשטייט ער אַז זיין השתוקקות דאַרף אַרויפגיין דרגא נאָך דרגא מיט שטאַרקע מדריגות פון השתוקקות: **"איך וויל תשובה טון"!** איך נעם זיך דאַווענען אַז כ'זאָל זוכה זיין צו תשובה שלימה! **כ'וויס נאָכנישט וויאַזוי, כ'וויס נאָכנישט וועלכע טרעפּלעך כ'זאָל נעמען, פון וואו איך זאָל אָנהויבן, אָבער די השתוקקות צו תשובה רידערט מיך אין קאָפּ.** דאָס וויל איך! וויאַזוי באַווייזט מען דאָס?! ער איז נישט מסיח דעת דערפון.

די ריכטיגע צורה פון השתוקקות לתשובה איז נישט בלויז דורך אַ בלויזע התעוררות. דאָס דארף ווערן נקבע אין האַרץ אויף אַ צורה אַז ס'זאָל אים באַגלייטן, ער זאָל נישט פאַרגעסן מאָרגן דערפון. ער דערמאַנט זיך נישט אַפּאָר חדשים שפּעטער דערפון.

## זוכה זיין לתשובה בזכות פון די הייליגע צדיקים

דער מענטש הייבט אן כאַפּן אַז אויב וועט ער זוכה זיין צו תשובה וועט אַלעס אַרבעטן בעסער. **ווען אַ איד האָט די סאָרט השתוקקות דעמאָלט האָט ער דעם התחלה פון "הבא לטהר", און דאָס וועט שוין נאָכברענגען דעם "מסייעין אותו"!** עס וועלן זיך אָנהויבן ריקן זאַכן אין דעם נפש. און דעמאָלט קען ער ווייטער גיין בזכות די צדיקים. ער קען קען מתפלל זיין צום רבוש"ע "וזרקתי עליכם מים טהורים בזכות פון דעם הייליגן רבי ר' אלימלך".

אַ איד קען דעמאָלט בעטן דעם אויבערשטן אַז די צדיקים האָט דאָך דער רבוש"ע געשיקט כדי אונז צו העלפן. **עמד ושתלן בכל דור ודור פאר די אַלע נשמות פון יעדן דור!** מיר האָבן אַ שטיקל שייכות מיט די צדיקים. מען עפנט אַ ספר, מען לערנט אַ שטיקל נועם אלימלך, דאָס איז מזכך די נשמה און דער איד ווייסט פאַרוואָס ער טוט דאָס! ער טוט דאָס ווייל ער וויל תשובה טון!

## די סיבה פאַרוואָס דער מענטש זאָגט נישט די 'תפלה קודם התפלה'

די תפלה קודם התפלה פון ר"ר אלימלך זי"ע, **דאָרט אַליין איז דאָ אַזאַ גרויסע תשוקה אויף תשובה.** ס'איז דאך אַזאַ געוואַלדיגע כלי צו קענען אַרויסברענגען די תשוקה ביי אַ איד אַז ער זאָל תשובה טון.

די תפלה איז געדרוקט אין אַלע סידורים אָבער דער מענטש נעמט נישט די פינף מינוט צו זאָגן די תפלה, **וויבאַלד ער האָט נישט די השתוקקות פאר תשובה!** יעדער איינער נוצט אויס די פינף מינוט פאר אַנדערע זאַכן, זה בכה וזה בכה. איינער האָט נאָך פינף מינוט אין בעט, דער אַנדערער נוצט די פינף מינוט צו קוקן נייעס און שטותים, און אין בעסטן פאַל לערנט ער נאָך אַפּאָר שורות גמרא אין די פינף מינוט. פאַרוואָס?! ווייל טיף טיף האָט ער געמאַכט אַ החלטה אַז ס'איז מיר וויכטיגער די זאַכן ווי די תפלה קודם התפלה פון רבי ר' אלימלך.

ערגעץ וואו, אומוועלנדיג, האָט ער געמאַכט די החלטה. האסט נישט אַזאַ השתוקקות פאר תשובה, ס'איז דיך וויכטיגער צו לערנען ווי צו תשובה טון. מ'דאַרף זיך אַליין אויפכאַפּן.

## אַז מ'וועט זאָגן די 'תפלה קודם התפלה' וועט מען האָבן אויך מער צייט צו לערנען

דאָס דערמאַנט די עובדא אַז דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע ווען ער איז געווען יונג האָט ער אַסאַך מאריך געווען בתפלה, האָבן אים אַנדערע לומדים געזאָגט אַז אין דער צייט ווען ער האָט געדאַווענט אַזאַ לאַנגע שמונה עשרה האָבן זיי מצליח געווען צו לערנען צוויי בלאַט גמרא. האָט דער חתם סופר זיי נאָכגעזאָגט די גמרא אין ברכות (נה ע"א): **"המאריך בתפלתו מאריכין לו ימיו ושנותיו"**, אויב אַזוי וועל איך שוין דעקן די צוויי בלאַט גמרא... אַז כ'בין מאריך בתפלתו וועל איך שוין האָבן ווען צו לערנען...

ממש די זעלבע זאַך איז נוגע לענינינו, **ווען אַ מענטש וואָלט פאַרמאַכט די גמרא צו תשובה טון, וועט ער פאַרדינען אַסאַך מער אויך פאר זיין תורה.** נישט יעדער האַלט אפילו ביי דעם, אַמאָל איז די נסיון אויף אַסאַך ערגערע זאַכן. אָבער אַלענפאַלס, **ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען וואָס דו באַקומסט פון תשובה וואָלט שוין אַלעס געדעקט געוואָרן.**

מ'דאַרף אַריינטראַכטן אין דער תועלת פון די מצות עשה פון תשובה. און דערנאָך ווען מען האָט שוין די תשוקה, לאָז די תשוקה ברענען, לאָז די תשוקה אַרויסגיין דורך אַ תפלה פון רבי ר' אלימלך, דורך עטליכע קאַפּיטלעך תהלים א.א.וו. דאָס איז איינס פון די וועגן וויאַזוי אַ איד קען זיך מדבק זיין צום הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע, **זכותו יגן עלינו.**


פטרון השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידינו
מו"ה ר' **הערש אלימלך שווארץ** נ"י
**לרגל שמחת לידת בנו למזל טוב**
יהי רצון שיזכה לראות רב נחת ושמחה
מתוך הרחבת הדעת

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com

• ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים: •

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223